# פרשת אמור י"ד - כ' אייר תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת אמור***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת קויפמאן ע"ה (אשת הר"ר **ליפא קויפמאן** הי"ו).

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף ט"ז) בבית מדרשנו הגדול.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א**, חבר נשיאות כולל שומרי החומות, אצל הדינער לטובת הכולל, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שני פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ברעכער ע"ה (אשת הר"ר **שלום ברעכער** הי"ו, בת הר"ר **מנשה אליעזר ראזענבערג** הי"ו).

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** פון ווי זענט איר פון אינדערהיים.

**הר"ר מנשה אליעזר:** מיין טאטע איז פון קראסנא.

**רבינו:** נעבן שימלויא.

**רמ"א:** מיין טאטע האט געקענט דעם **שימלויא'ער רב.** זיי זענען געווען צוזאמען אין געטא. דער **שימלויא'ער רב** איז געגאנגען פון דארט קיין אושוויץ, צוזאמען מיט **רבי ברוך בענדיט ליכטענשטיין**, דער **קראסנער רב.**

**רבינו:** זיי זענען געווען פון די עלטסטע רבנים אין רומעניא. דער **שימלויא'ער רב** איז אלט געווען איין און אכציג יאר, און דער **קראסנער רב רבי ברוך בענדיט** איז געווען זעקס און אכציג יאר. אין יענע צייטן האט עס געהייסען א זקן מופלג. דער **קראסנער רב, רבי הלל ליכטענשטיין**, איז געווען אן איידעם בזיווג ראשון ביים **שימלויא'ער רב.**

**א' המנחמים:** זיי האבען געהאט קינדער פון דעם זיווג?

**רבינו:** ניין.

**א' המנחמים:** ווי אלט איז ער געווען ביים קריג?

**רבינו:** ארום פערציג יאר. צוואנציג יאר נאך די חתונה.

**רמ"א: רבי הלל** איז געווען אין פעסט ביים **בעלזער רב**, און ער האט געבעטן א ברכה אז ער זאל האבן קינדער, האט אים דער **בעלזער רב** געגעבן א ברכה אז ער זאל מרביץ תורה זיין. האט ער פארשטאנען אז ער וועט נישט האבען קיין קינדער.

**רבינו:** א יוד האט מיר פארציילט אויף זיך, אז בזיווג ראשון האט ער נישט געהאט קיין קינדער, און ווען ער איז געגאנגען צום **בעלזער רב** צוזאמען מיט זיין רעבעצין, האט אים דער **בעלזער רב** קיינמאל נישט אנגעוואונטשען. אבער ווען ער פלעגט גיין אליין, האט אים דער **בעלזער רב** געזאגט, דו וועסט נאך האבען קינדער. שפעטער האט ער זיך גע'גט, און ער האט געהאט קינדער, און זי האט נישט געהאט.

**רבי הלל** איז געווען א גרויסער מוכיח, ער האט שטענדיג מוסר געזאגט. נאך די קריג, אין די די. פי. לאגערן, האט ער ביי יעדע חופה געהאלטן א דרשה אונטער די חופה, אז מען זאל גיין אין די וועגן פון די עלטערן, און האלטן טהרת המשפחה.

**א' האבלים:** ער איז געווען אפיציעל רב מטעם די רעגירונג.

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לקביעת מזוזה בביתו החדש של הר"ר **דוב קליין** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת גרינוואלד ע"ה (אשת הר"ר **עמרם יודא גרינוואלד** הי"ו).

*

***יום רביעי פרשת אמור***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **ישראל פריעדמאן** הי"ו (ב"פ).

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק אויש** הי"ו (בן הר"ר **אברהם אויש** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אשר זעליג** הי"ו (ב"פ) שהתקיים בבית המדרש דעעש. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **משה פארגעס** הי"ו (מאנטריאל), שישב שבעה על פטירת אביו הר"ר **יעקב אליעזר פארגעס** ע"ה (ב"פ).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הר"ר משה:** איך געדענק ווען דער רב האט געדרשנ'ט יארן צוריק אין סאטמארער בית המדרש אין מאנטריאל (יום ג' פרשת בראשית תשנ"ז, נדפס **בשמן ראש** על חג הסוכות דף שצ"ט), און דער רב האט דעמאלטס געזאגט, אז דער טאטע פלעגט זיך אראפלייגען פרייטאג צו נאכטס פאר שלום עליכם.

**רבינו:** נישט יעדע וואך, אבער זייער אפט, כדי ער זאל קענען זיין אויסגערוט צו די סעודה, און קענען זיצען רואיג מיט די קינדער.

**ר"מ:** דער רב איז דאך זייער נאנט צו די פעולות פון **'דרשו'**. איך האב אמאל געזען פון **רבי משה פיינשטיין זצ"ל**, א פראקטישע עצה פאר זכרון. אסאך מאל לערנט מען סוגיות, און עס איז זייער שווער צו געדענקען יעדע פרט, און יעדע דקדוק. די לעבן ברענגט מיט שוועריקייטן, און מען קען נישט אלעמאל חזר'ן, אזוי גייט עס בדרך הטבע. פלעגט ער זאגען, פראביר נישט צו געדענקען יעדע פרט, יעדע קשיא און יעדע תירוץ, ווייל דאס וועט נישט ארבעטן. נאר פראביר צו וויסן וואס די יסודות פון די סוגיא איז, און וואו דו האסט עס געזען, אז דו זאלסט וויסן ווי דו דארפסט נאכקוקן. אסאך מאל פרעגן מיך מענטשן, זאג איך זיי, איך געדענק נישט פונקטליך די פרטים, אבער איך ווייס ווי עס שטייט.

**רבינו:** א פיינע עצה.

**ר"מ:** יא. מיין טאטע פלעגט צו דאווענען אין די ווייענער שול. אין די עלטערע יארן האט ער געבויט א גרויסן בנין, און ער איז געזעסן אינדערהיים, און ער האט געזאגט פארן קונה אלע פרטים פון דעם בנין פון אויסענוווייניג. האב איך אים נאכדעם געפרעגט, ווי אזוי געדענקסטו אלעס אזוי אויסנווייניג. האט ער מיר געזאגט, אז ווען ער האט געדאווענט אין די ווייענער שול, מיט פופציג יאר צוריק, האבען געדאווענט דארטן הונדערטער יודען, און ער האט נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי דער גבאי געדענקט יעדן'ס נאמען, און ער זאגט דעם מי שברך אזוי פליסיג, נאר 'אז עס איז ביי דיר וויכטיג, געדענקסטו עס'. האט ער מיר געזאגט, 'דאס איז מיין ביזנעס, געדענק איך עס'. נאך א מינוט זאגט ער מיר, 'אפשר קענסטו מיר זאגען מסכת בבא בתרא אויסענווייניג, דאס איז דאך דיין ביזנעס'.

**רבינו:** תורתו אומנתו (שבת יא.).

איך האב געהאט א פעטער אין מאנטריאל רבי צבי יהודא קיסנער ז"ל, ער האט געלערנט בחברותא מיט דיין שווער (הר"ר גבריאל ציננער ע"ה). יעדן שבת נאכמיטאג האבען זיי געלערנט צוזאמען א גאנצן נאכמיטאג.

**ר"מ:** זיי האבען געלערנט ביים **ויגד יעקב**. מיין שווער האט גערעדט פונעם **ויגד יעקב** יעדן טאג. איך האב מיך אייביג געוואונדערט, ער האט גערעדט פון אים כאילו ער האט אים געזען נעכטן, מען האט נישט געקענט דערקענען אז עס איז אדורך א מלחמה אינמיטן. ער פלעגט זאגען, די רבי פלעגט זאגן נשמת אזוי, און שבת פלעגט ער טון אזוי. ער האט גערעדט כאילו עס איז יעצט געווען.

**רבינו:** עס איז א סימן, אז די רבי'ס האבען אסאך אריינגעלייגט אין זיי. ווי האט איר געלערנט?

**ר"מ:** איך האב געלערנט אין וויען ביז תשל"ה, פון נאך די בר מצוה ביז די זיבעצן אכצן יאר, און נאכדעם בין איך געפארן קיין ארץ ישראל. איך האב געלערנט ביי רבי נחום פרצוביץ (בעמח"ס חידושי רבי נחום), ער איז געווען אן איידעם פן רבי חיים שמולעוויץ, ער האט נישט געוואוסט פון וויען, אבער ער האט מיר געגעבן א קאמפלימענ"ט. ער האט מיר געזאגט, האסט עפעס א ווארט, האב איך אים נאכגעזאגט א תוספות מיט א רשב"א, אין די סוגיא פון מעביר ד' אמות ברשות הרבים. און איך

האב אים מסביר געווען צוויי וועגן, ווי אזוי מען קען לערנען פשט אין די ראשונים. האט ער מיר געזאגט, איך בין נישט אזוי אין דעם ענין, און איך ווייס נישט צו עס איז אויסגעהאלטן צו נישט, אבער איך האב ליב ווי אזוי דו טראכסט. אזוי דארף מען טראכטען, יעצט דארפסטו מברר זיין צו עס איז אויסגעהאלטן צו נישט.

*

משם הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **אברהם מאיר ביערמאן** שליט"א, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

**מעמד אדיר ומפואר לכבוד התורה ולומדיה**
**בסיום מסכת ברכות והתחלת מסכת שבת**
**על ידי חבורת 'ובהם נהגה', בשילוב סעודת ל"ג בעומר**
**לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי זיע"א**

בשעות הערב התקיים המעמד הנהדר - מעמד כבוד התורה - סיום מסכת ברכות והתחלת מסכת שבת הנלמדת במסגרת חבורת **'ובהם נהגה'** שעל ידי קהלתנו הק', בהשתתפות מאות אנ"ש זקנים בעלי בתים אברכים ובחורים, ובראשם דייני קהלתנו הק' שליט"א, ועל צבאם מייסד חבורתנו מורה דרכינו ומאיר עינינו **כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א.**

לפנות הערב כבר גדשו מאות אנשי שלומינו את האולם הגדול והמפואר 'עטרת חי' בבארא פארק, אשר היה ערוך באופן מלכותי, מרהיבת עין, כראוי וכיאות לכבוד התורה, ונטלו ידיהם לסעודת מצוה.

יושב ראש המעמד הרב **יודא באדאנסקי** שליט"א (מגי"ש בחבורת 'ובהם נהגה', מאנסי) קידם את פני הבאים, וכיבד את הרבני הנגיד הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו (וומסבי"ג) למסור את דבר הקהלה. במילים קצרים הביע רגשי כל הקהל, שזכינו לחבורה חשובה המאחד כולם כאחד ללמוד וללמד, כשבראש החבורה עומד רועינו הנאמן **כ"ק מרן רבינו שליט"א** אשר זוכים אנו לשאוב מהבאר מים חיים תורה ויר"ש, ומכונן אותנו בהתמדת לימוד התורה הק'.

בדבר פתיחת המעמד נתכבד **הרה"ג רבי צבי הײלפרין שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו בבארא פארק, אשר במתק לשונו הביע שהזמן גרמא להתאסף כעת בהילולא דרבי שמעון בן יוחאי, אשר כל העולם מרבים באור וענן אש, כנראה שהמהדורה הכי גדולה מתקיים כאן אצל הסיום, אשר מתקבצים אלפי דפי גמרא שנלמדו במסגרת החבורה, והלא כה דברי כאש נאום ה'. והרחיב במעלתו של לומדי תורה בכלל, והמקושרים בהחבורה בפרט, ובגודל מעלתו של טהרתן של ישראל, אשר ראשית חכמה יראת ה', שיש להזהר הרבה בקדושת העינים, והוא הוא הכלי והסגולה שיהיו דברי התורה הק' נשמרים ונזכרים בזכרון טוב.

בין פרק לפרק הנעימו מקהלת 'שירה' ממיטב הניגונים וזמירות לכבוד התורה ולכבוד היום, כשבראשם מנעימים הר"ר **אײזיק האניג** הי"ו, והר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו.

במילים קצרים הרתיק הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו (ב"פ) את לב השומעים, כשתיאר איך חיי האדם מתהפכת לגמרי – לעולם שכולו טוב - כשמאוגדים בהחבורה, עד שהשותף שלו יודע שבשעות הקצובות ללימוד העמוד יומי, אין לעשות שום אפוינטמענ"ט וביזנעס מיטינ"ג, ועל אחת כמה וכמה בהימים לפני הבחינה, שהכל מסתובב סביב הגמרא. בדברים מיוחדים הביע רגשות הציבור ביום שזוכים לסיים מסכתא ברוב עמל ויגיעה.

בדבר 'משא המעמד' הופיע האורח הדגול **הגה"צ רבי שאול יהודה פריזאנט שליט"א** (חדב"נ כ"ק האדמו"ר מצאנז קלויזענבורג זצ"ל) דומ"ץ דק"ק צאנז יוניאן סיטי, ובדבריו הערבים לחיך, כבש את לב המשתתפים בגודל הזכיה ללמוד ולהתקשר בלימוד התורה בחבורה, אשר הלומד תורה מרגיש בעמקי פנימיות נפשו שמחה וחדוה, אשר אי אפשר לתארה ולבארה בדברים. וכאשר המח חושב תמיד בדברי תורה נשתנה האדם לגמרי, וכשהולך ברחוב הרי זה כאילו פרק שלשה שאכלו או פרק כיצד מברכין הולך, באשר כל ראשו עסוק ליישב ולסכם דברי הגמרא שיהיו גורים על פיו.

בתוך דבריו חזר על אמרא נאה של חותנו **הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**, שפעם בעת שדנו על ענין לימודי חול וכדומה להכניסו בתוך סדרי הלימודים, והעלו המסובים דברי המשנה (אבות ב-ב) כל תורה שאין עמה מלאכה

סופה בטלה, ושעל כן טוב ונאה ללמוד לימודים אלו, שיהא לתועלת במלאכת האדם בעבודתו. אמנם לעומת זה מצינו במשנה (קידושין ד-יד) דברי התנא שאמר מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה וכו'. ולאחר שדן בזה ליישב הדברים, נענה ואמר בלהט קודש: הנה מוטב לי ללמוד את כל דברי הש"ס והפוסקים ולעסוק בתורה תמיד, אף שמשנה אחת תשאר בקושיא, מליישב דברי המשניות ולקיים שניהם ולעסוק במלאכה ועבודה, ולישאר משך שנות החיים עם הארץ גדול...

בלב מלא שמחה השמיע דבר הסיום **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו התאחדות אברכים במאנסי, אשר בתוך דברי הסיום שילב מדבריו הערבים מפי ספרים וסופרים. לאחר שאמר ההדרן, נתכבד **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו במאנסי לומר הקדיש.

בגמר הקדיש פרצה כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין של שמחה, בנתינת שבח והודיה להשי"ת על טוב חלקינו וגורלינו, להיות נמנים בצבא ה' ללמוד וללמד תורתו הק', ומה יפה ירושתינו שזכינו לסיים מסכת ברכות, ובעזהשי"ת להתחיל מסכת שבת. הריקודין נמשכו למשך זמן בשמחה וחדוה עילאה.

אחר פרקי שירה וזמרה הס הושלך עת פתח **רבינו שליט"א** את דברות קדשו ברגשי הלב באמרו: הנה כבר השעה מאוחרת, אולם כבר אמרו, כי מעולם לא ראו חתן שישן ביום חתונתו, או שימהר לסיים את יום שמחת לבו. ושמחה זו נרגש גם ביומא דנן בעת אשר מאות הלומדים בחבורה – אשר גם אני נמנה עמהם – עומדים בסיום מסכת ברכות אשר נלמד ביגיעה רבה, וחלק ניכר גם עמדו על המבחן על לימודם, להיות דברי תורה שנונים בפיהם, מה מאוד גוברת השמחה שזכינו לכך.

בראשית דבריו הביע מברכותיו להאברכים החשובים ממייסדי חבורת **'ובהם נהגה'**, ה"ה הר"ר **נחמי' פייערווערקער** הי"ו, הר"ר **יהושע שטערן** הי"ו, והר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו, אשר עבדו בלי לאות לייסד ולסדר כל עניני החבורה במסירת יתירה ונאמנה. וגם הודה לכל מגידי השיעורים בחבורת **'ובהם נהגה'**, ומיוחד להרב **יודא באדאנסקי** שליט"א שמוסר שיעור מיוחד על הטעלעפאן ליי"ן, לתועלת הלומדים.

בדברי אגדה ומוסר שילב **רבינו שליט"א** את המימרא האחרונה של רבי שמעון בן יוחאי במסכת ברכות, עם המימרא הראשונה אודותיו במסכת שבת. והמשיך בדבריו שכל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ודרך ארץ, ולדרגא זו זכה רבי שמעון בן יוחאי ביתר שאת, שהאומנות שלו שממנו קיבל פרנסתו וצרכי גופו, היתה על ידי דביקותו בתורה. שעל ידי לימודו העבירו ממנו עול מלכות ודרך ארץ, וזה רמזו באמרם על רבי שמעון בן יוחאי שתורתו אומנת"ו, שמשם קיבל פרנסתו.

בהמשך הדברים הוסיף ואמר, מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו, אשר בעת שיסדו את החבורה לפני כמה שנים ללמוד ולסיים מסכתות הש"ס, חשב בנפשו אשר יצטרפו לזה רק כמה עשרות אנשים, ומעולם לא עלה על דעתו אשר מאות אנשי שלומינו יתאחדו כאיש אחד ללמוד בחבורה זו, ולשנן על לימודם, ולעמוד על המבחן. זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, השמחה גוברת בעת אשר פנים חדשות בא בקרב קהלתינו הק', בתי מדרשנו בכל אתר ואתר מלאים ומפיקים מזן אל זן בלומדי תורה בבוקר ובערב, ובימים שלפני הבחינה הקול תורה מוסיף ועולה, אשרינו מה טוב חלקינו. וצריכים להרגיש האושר שזוכים להיות נמנה בחבורה קדושה הלזו, אשר השמחה והחדוה וסיפוק הנפש אחר לימוד הגמרא ולקיחת הבחינה בל יתואר.

בקול רגש של שמחה שיבח ואמר: **מען קען זאגן אונזער קהילה איז נישט פון די גרעסטע קהילות, אבער פראצענטועל פון אונזער קהילה, זענען רובם א חלק פון די וואס זיצן און לערנען. רובם זענען עוסקים בתורה, און רובם זענען פון די וואס האבן א שייכות מיט 'ובהם נהגה' און וואס פארהערן זיך אין 'ושננתם', דאס איז א געוואלדיגע שמחה.**

עוד זאת, שמלבד השמחה בעצם הלימוד, גם עצם מהות האברכים בהנהגת הבית ותהלוכות עולם נשתנה בזה למעליותא עד להפליא, בהיות שלימוד התורה מעדן את הנפש ברוחניות, ומשנה את כל מהות חיי האדם, וכמאמרם ז"ל (קידושין ל:) בראתי לו תורה תבלין.

**רבינו שליט"א** עידד בדבריו את כל קהל הנאספים להוסיף אומץ ולהמשיך בלימוד המסכתא החדשה מסכת שבת, אשר מלבד עצם התועלת להתעצם

בקדושת התורה ולעסוק בדיני שמירת שבת להיות שומר שבת כהלכתו, גם מבואר בדברי **מרן החתם סופר זי"ע** שלימוד הענינים והדינים השייכים ליום השבת מסוגל להשפיע שפע של פרנסה. ואשרי המצטרפים גם בלקיחת הבחינות מידי חודש בחדשו שזוכים בזה לטעום טעם מיוחד בתורת ה', אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו.

בתוך דבריו הביע **רבינו שליט"א** דברי תודה והוקרה לכל העוסקים והמסייעים בגוף ובממון לטובת החבורה, ובירך את כל הקהל חתני התורה ובני החבורה שיזכו לברכות התורה אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד עד ביאת הגואל (תוכן הדברות קודש במילואו נדפסו בסוף הגליון).

בסיום הדברים שר **רבינו שליט"א** החרוזים בר יוחאי, ואמרתם כה לחי, לכבוד הילולא דבר יוחאי, ואחר כך ניגנו הזמר אמר רבי עקיבא פיסקא בפיסקא.

**הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** מו"ץ בקהלתנו בוויליאמסבורג נתכבד להתחיל מסכת שבת, ובמילים אחדים דיבר במעלת לימוד מסכת שבת והתועלת היוצאת מזה, ללמוד ולשמור ולעשות בשמירת שבת קודש.

כאות תודה והוקרה מיוחדת נמסר מתנה מפוארת 'כתר תורה של כסף' להרב **יהושע שטערן** שליט"א (מגי"ש בחבורת 'ובהם נהגה') לאות הכרת הטוב על גודל פעולותיו להרחיב גבולי הקדושה, ולהרבות הלומדים והנבחנים במסגרת חבורת **'ובהם נהגה'**. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי).

לאחר שעברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** לקבל כוס של ברכה, פנו כל הקהל לביתם עם קבלות חדשות להגביר הלימוד התורה הק' ביתר שאת ועוז, ועם רגשי לב הומים על גודל כבוד התורה שהיה במעמד המרומם הלזה, אשר את זכרו לא יסיף מהם לאורך ימים ושנים.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משה צבי גאלדשטיין** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישעי' קרויס** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

***יום חמישי פרשת אמור – ל"ג בעומר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יואל טעללער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **דניאל בלומענפעלד** הי"ו (ב"פ).

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק אל עבר בית **כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א**, להשתתף אצל אסיפת מנהלי וראשי הישיבות בברוקלין, שהתאספו לקראת הכינוס הגדול לכל בחורי הישיבות מעיר ניו יארק רבתי שתתקיים בקרב הימים הקרובים, לעורר ולשמור גחלת בחורי ישראל לעמוד איתן בנסיונות הזמן ופגעי הטעכנאלאגיע.

בכניסת **האדמו"ר מסקולען שליט"א** להאסיפה קיבל את פני **רבינו שליט"א** ברוב חיבה והערצה. **האדמו"ר מסקולען שליט"א** פתח בדברות קדשו, שכעת נתאספו למען קדושת ה' וקדושת עם ישראל הדבקים בה', בזמן אשר גלי המים הזדונים עוברים ושוטפים בחוצות, וצריכים סייעתא דשמיא שלא להשטף בהם, ומן השמים ירדה רוח טהרה והתעוררות גדולה אצל הציבור, ובכל יום ויום מגיעים להאפיסעס של טע"ג בכל הערים לתקן הכלים על צד היותר טוב, וכעת הזמן גרמא להיות מוסיף והולך ולעורר בחורי ישראל בענין זה, ולהכינם להיות חקוק על לוח לבם שכלים האלו טריפה הם, ולהשמר בקדושת העינים והמחשבה, וזכור את בוראך בימי בחורתיך, וככה יתרגלו באורח חייהם בקדושה אחר חתונתם ביודעם שכלים הללו הם טמאים ומטמאים, ויזכו להעמיד בתים נאמנים לה' ולתורתו.

עם סיום דבריו ביקש **האדמו"ר מסקולען שליט"א** **מרבינו שליט"א** שישא מדברותיו לקהל הנאספים. **רבינו שליט"א** עמד בדבריו הקצרים בתכלית האסיפה, שמתכנסים כעת לאור קריאתו של **האדמו"ר מסקולען שליט"א** לטכס עצה ביחד, ולתקן תקנות קבועות לתכלית והמשך הדורות, אשר מאז שהתכנסו רבבות אלפי ישראל אצל ה**'כינוס כלל ישראל'** בסיטי פיעלד, נתעוררו עם בני ישראל הקדושים, לתקן בדקי ביתם בקדושה וטהרה, ולא ליתן למשחית לבא אל בתיהם על ידי כלי הטעכנעלאגיע למיניהם, ולהשתמש בהם רק על

פי הוראות מאורי וגדולי ישראל אשר העמידו דבריהם על דין תורה בעניינים אלו. וגם אשתקד אחר האסיפה הגדולה לנשים נתעוררו אלפי נשים צדקניות להיות עומד על המשמר שלא ליתן מקום לכלים אלו להחריב את כל ביתם ופרי עמלם בחינוך הבנים והבנות. וכעת שהדברים אמורים לעורר בחורי הישיבות, אשר הרבה חברותא רעה עושה להשפיע על כל הסביבה, צריכים בזה זהירות יתירה להזהיר הגדולים על הקטנים, לנפש לא יטמא בעמיו, ולהיות ממלכת כהנים וגוי קדוש.

כאשר סיים **רבינו שליט"א** את דבריו, בירך **האדמו"ר מסקולען שליט"א** את כל המשתתפים שיזכו להרחיב גבולי הקדושה ולהעמיד תלמידים הגונים, ברוב ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם לטובה. **האדמו"ר מסקולען שליט"א** יצא מחדר האסיפה, ונשאר **רבינו שליט"א** יחד עם מנהלי וראשי הישיבות לישא וליתן בכל פרטי הדברים, ולערך שעה ומחצה דנו בכובד ראש על כל צדדי ההצעות והתקנות וכו', למען יצאו הדברים לתכלית הנרצה.

***וזה תוכן השיחה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, מיר זענען זיך אלע צוזאמגעקומען לקריאתו פונעם **סקולענער רבי** זאל מאריך ימים ושנים זיין. יעדער ווייסט, אז שוין אזויפיל יארן וואס ער האט זיך אריינגעלייגט אין דעם ענין, מעורר צו זיין יודישע קינדער. עס איז די דריטע אסיפה וואס מיר זיצען יעצט. דאס ערשטע מאל האט מען אויפגעטון, אז מען האט צוזאמגערופן טויזענטער יודען אין סיטי פיעלד, וואס אזא מעמד איז נישט געווען אין אמעריקא מיום הווסדה. אזא ציבור יודען זענען זיך צוזאמגעקומען צו זעהן ווי אזוי מען קען מקדש ומטהר זיין אונזערע שטובער. צוויי יאר שפעטער האט מען צוזאמגענומען די נשים, כה תאמר לבית יעקב. און בייביידע אסיפות איז ארויסגעקומען א געוואלדיגער כבוד שמים. הונדערטער און טויזנטער משפחות האבען פראבירט מתקן צו זיין זייערע כלים אין שטוב, און מען האט מעורר געווען דעם דעת הקהל, ווי אזוי מען דארף זיך צו היטן מיט די נסיונות וואס מען האט היינט.

**מען** האט יעצט צוזאמגערופן די ראשי ישיבות און מנהלים פון ישיבות, כדי אז מען זאל זעהן צוזאמצונעמען די בחורים, און מעורר צו זיין וועגען דעם ענין. ווער נאך ווייסט אזוי גוט די פראבלעמען וואס איז היינט דא ביי די בחורים, ווי די וואס פירן די ישיבות. איין שוואכער בחור מאכט ליידער קאליע אסאך אנדערע, און יעדן נפש וואס מען האט אויפגעהויבן, האט מען מציל געווען אים, מיט זיין שטוב, און זיינע חברים, און דעם גאנצן מקום ווי ער געפינט זיך.

**די** וואך אין די פרשה שטייט אין פסוק (ויקרא כא-א) אמור אל הכהנים בני אהרן, ואמרת אליהם, לנפש לא יטמא בעמיו. און רש"י זאגט, אמור ואמרת, להזהיר גדולים על הקטנים. ווען עס קומט צו טומאה, דארף מען רעדן צו די גדולים, די וואס האבען א השפעה אויף די קטנים, אז זיי זאלן זעהן וואס זיי קענען טון, לנפש לא יטמא בעמיו, אז א נפש זאל זיך נישט מטמא זיין. כאטשיג די פרשה רעדט פון כהנים, עס רעדט נישט פון אנדערע, אבער ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש (שמות יט-ו), איז געזאגט געווארן פאר גאנץ כלל ישראל. מיר זענען אלע כהנים, מיר דארפן אלע זעהן וואס מען קען משפיע זיין אויף אנדערע.

**דער סקולענער רבי** האט מציע געווען, אז מען זאל מאכן אן אסיפה צוזאמנעמען אלע בחורים. מען רעדט פון טויזענטער בחורים וואס איז דא אין ניו יארק, דא אין שטאט, און אין מאנסי, און אין די אנדערע געגנטער ארום, און מען זאל מעורר זיין נאכאמאל וועגען דעם ענין, וואס איז נוגע ספעציעל פאר בחורים. כאטש זיי ווייסען, און זיי ווייסען אסאך מער פון אונז, אבער ווען מען רופט זיי צוזאם עקסטער, און מען רעדט אויף זייער שפראך, **צו זיי דארף** מען רעדן אנדערש ווי ווען מען רעדט צו בעלי בתים, און עס איז באמת זייער שווער. ווייל יעדע זאך וואס מען איז מעורר, איז מען מעורר די זעלבע פאר גאנץ כלל ישראל. וואס מען טאר נישט טון, טאר קיינער נישט טון, און וואס מען מעג, מעג יעדער טון. דא איז געווארן עפעס אזא כלי, וואס א גרויס חלק פון יודען דארפן עס האבן פאר זייערע געשעפטען, און מען זוכט עס צו כשר'ן די מערסטע וואס מען קען, אבער פאר א בחור זענען די אלע זאכן אויך טריפה. און עס איז זייער שווער צו רעדן, דער טאטע מעג

יא, און ער זעהט אז די מאמע נוצט עס, און דער עלטערער ברודער נוצט עס, און דו דארפסט עס נישט נוצן, דו דארפסט זיך צוריקהאלטן. איז זייער וויכטיג מעורר צו זיין, און ארויסברענגען אז יא, **בחורים זענען אנדערש. וואס עס איז מותר פאר א צווייטען, איז נישט מותר פאר דיר. און מען רעדט נישט פון מותר, דו ווילסט דאך זיין א ערליכער יוד, דו ווילסט דאך שטייגען, דו ווילסט וואקסען, ווען א מענטש ליגט אין די זייטיגע זאכן, קען מען נישט אפילו א פשוט'ער יוד.**

**און** דאס איז דער תכלית פון די אסיפה. צוזוגרייטען אן אסיפה פאר בחורים, איז דא פארשידענע שאלות, וואס נאר די מנהלים ווערן וויסען די בעסטע וואס צו ענטפערן דערויף, און וואס איז דער בעסטער וועג מען זאל מאכען, און ווי אזוי מען זאל עס טון. האט דער **סקולענער רבי** זאל זיין געזונט פאררופן די אסיפה, און ער האט געוואלט אויסשמועסן צוזאמען מיטן גאנצן ציבור, און זעהן ווי אזוי מען קען די זאך מוציא זיין מן הכח אל הפועל.

*

אחר האסיפה נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה וערך סעודת ל"ג בעומר ביחד עם תלמידי ישבתינו הק'. אחר שנטל ידיו לסעודה, השמיע **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מהל רוחני ישיבתנו הק', דברי תורה בגודל היום. אחר כך דיבר **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', בקדושת התנא האלקי רבי שמון בן יוחאי שמסר נפשו ללמוד תורה בכל עת ועונה.

אחר כך נשא **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בגודל יום הילולא דרבי שמעון בן יוחאי אשר עמלו ויגיעו בתורה היתה למעלה מהשגת אנוש, ובזה זכה להתעלות על שאר בני דורו וזכה לגלות סתרי תורה. בדרך נפלא המשיך **רבינו שליט"א** על פי הידוע כי העולם הזה נברא בכח התורה הק', ומי שזוכה להשלים עצמו בתורת ה' יש לו שליטה על עניני העולם לעשות בהם כרצונו כמבואר בספרים הק', והיות שרבי שמעון בן יוחאי זכה לגלות גם חלק הנסתר שבתורה, בכח זה זכה גם לשלוט על חלק הנסתר שבעולם, ובזה טיהר את עיר טבריה לגלות סתרי הדברים אשר מתחת לארץ, לידע מקום קבורה שלא חטמאו הכהנים בהם.

וביום כזה צריכן לשנות מדותיו של רבי שמעון בן יוחאי להוסיף בלימוד התורה בעמל ויגיעה, וכעת שהוא קצת יום טוב עבורינו, שסיימו בקרב קהלתנו הק' – ומהם גם חלק מבחורי הישיבה – מסכת ברכות והתחילו בכח הרבים מסכת שבת, הזמן גרמא לנצל הזמנים הפנויים שלא מסדרי הישיבה, להתאחד בחבורה זו ללמוד ולשנן דפי הגמרא, ולקנות קנינים בתורתינו הקדושה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז היינט א גרויסער טאג, עס איז די יומא דהילולא פונעם הייליגען תנא רבי שמעון בן יוחאי, מען ווייסט אז אין תורה איז דא נגלות התורה, און עס איז דא נסתר התורה. ש"ס איז נגלות התורה, און זוהר הק', תיקוני זוהר, און ספרי קבלה, דאס איז די נסתרות פון די תורה. ל"ג בעומר אליין, פארוואס עס איז אזא גרויסע טאג, וואס מען מאכט א סעודה ל"ג בעומר, און מען זאגט נישט קיין תחנון, איז אין די לעצטע יארן אוועק געדרייט געווארן צו די נסתר וואס איז דא אין ל"ג בעומר. אז עס איז די יומא דהילולא פון רבי שמעון בן יוחאי, אבער על פי נגלות התורה, האט ל"ג בעומר א גאנץ אנדערן ענין.

**דאס** וואס מען זאגט נישט קיין תחנון ל"ג בעומר, האט גארנישט צו טון מיט רבי שמעון, ווייל אין אנדערע יארצייטן זאגט מען יא תחנון. נאר די סיבה דערפון איז פארבינדען מיט רבי עקיבא און זיינע תלמידים. רבי עקיבא האט געהאט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, און זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען זה בזה, מען האט נישט מכבד געווען איינעם דעם צווייטען, און אלע פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים זענען אוועק פון די וועלט, אין די טעג פון פסח ביז פרוס העצרת. און ל"ג בעומר איז פסקו למות, עס האט זיך געענדיגט די גזירה אויף די תלמידים פון רבי עקיבא, און וועגן דעם איז ל"ג בעומר א יום טוב. קומט אויס אז ל"ג בעומר האט אין זיך צוויי ענינים. די נגלה פון ל"ג בעומר איז, אז די תלמידים פון רבי עקיבא האבען אויפגעהערט צו שטארבען. און די נסתר פון ל"ג בעומר איז, אז עס איז די יומא דהילולא פון רבי שמעון, וואס האט עוסק געווען אין נסתר התורה.

**מיר** זענען אין ישיבה, און מיר לערנען נגלות התורה, דארפן מיר קודם אפלערנען ל"ג בעומר על

פי נגלה, אז מען זאל זעהן ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן איינעם צום צווייטען. די תלמידים פון רבי עקיבא, זענען געווען גרויסע תלמידי חכמים, מען קען זיך פארשטעלן וואס פארא גרויסע תלמידים זיי זענען געווען, עס שטייט אין מדרש (במדב"ר יט-ו), אז רבי עקיבא האט זוכה געווען צו העכערע השגות אין תורה פון משה רבינו. עס שטייט אין די ספרי המקובלים (סידור רבי קאפיל בכוונת חג השבועות), אז רבי עקיבא האט זוכה געווען צו די פופציגסטע שער אין תורה, צו וואס משה רבינו האט נישט זוכה געווען. און די גמרא (מנחות כט.) זאגט, אז דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו, ווי אזוי רבי עקיבא זיצט און לערנט, און משה רבינו איז געשטאנען אינדערזייט, און ער האט נישט פארשטאנען די טיפקייט פון די תורה פון רבי עקיבא. און פון דעסטוועגן דאך זענען זיינע תלמידים וואס זענען געווען אזוי גרויס, נסתלק געווארן, מפני שלא נהגו כבוד זה בזה. אז עס איז נישט געווען קיין דרך ארץ, און מען האט זיך נישט אויפגעפירט בכבוד איינעם צום צווייטען, איז געווען א חרון אף פונעם אייבערשטען, און אלע תלמידים זענען נסתלק געווארן. און רבי עקיבא האט געדארפט נאכאמאל עפענען א ישיבה מיט פינף תלמידים, און איינע פון די תלמידים איז געווען רבי שמעון בן יוחאי, און ער האט נאכדעם אויפגעשטעלט א פרישע וועלט. ווען מען שטייט אין דעם טאג פון ל"ג בעומר, דארף מען זיך אביסל מתבונן זיין, ווי אזוי מען דארף זיך אויפירן איינער צום צווייטען.

*

**מען** ווייסט, אז לערנען תורה מתוך הדחק ווי רבי שמעון האט געלערנט, געפונט מען נישט אין ש"ס אויף קיינעם. אלע האבען געלערנט תורה מתוך הדחק, ווייל אויב נישט, איז מען נישט זוכה צו כתרה של תורה, אבער דער דחק וואס רבי שמעון האט געלערנט, איז למעלה מהשגותינו וואס מען קען זיך פארשטעלן, אז מען זאל קענען אזוי זיצען און לערנען תורה, און זוכה זיין צו אזעלכע מדריגות וואס רבי שמעון האט זוכה געווען. זיצען אין א מערה דרייצן יאר, ווי עס איז נישט דא וואס צו עסן און צו טרינקען, נאר באקסער און וואסער, וואס דער אייבערשטער האט באשאפן נעבן די מערה, א באקסער בוים מיט א קוואל וואסער, און דאס האבן זיי געגעסן און געטרינקען דרייצן יאר. **איך זאג אייביג, מען זאל עס פראבירן נאכצומאכן נאר איין וואך, וואס ער זאל נישט עסן נאר וואסער מיט באקסער, וועט ער האבען טויזנט תירוצים פארוואס נישט צו לערנען. מען קען נישט אזוי לערנען, די קאפ איז נישט רואיג. ווען עס פעלט אים אביסל פונעם לאנטש, איז ער צורודערט א גאנץ נאכמיטאג, אז ער האט נישט געהאט א געהעריגע לאנטש, און רבי שמעון מיט זיין זון רבי אלעזר זענען געזעצן און געלערנט תורה מיט אזא דחק, יעדן טאג האבען זיי געגעסן דעם זעלבן מאכל, און נישט געטרונקען קיין שום דזשוס, אדער סאדע, נאר פשוטע וואסער מיט באקסער, אזויפיל יארן.**

**און** ווי אזוי זענען זיי געשלאפן דארט. זיי האבען נישט געהאט א בעט, און נישט א דאכענע, און נישט א קושן. זיי זענען געשלאפן אין א מערה, אויף די ערד, זומער און ווינטער, אין די קעלט און אין די היצען. מען זאל פראבירן אזוי צו שלאפן איין טאג, וועט מען האבען אזויפיל תירוצים פאר וואס ער קען נישט רואיג לערנען. און אזוי זענען זיי געשלאפן טויזנטער נעכט. און עס איז נישט גענוג ווי אזוי די עסן און שלאפן האט אויסגעזען, ווי אזוי זענען זיי געזעסן א גאנצען טאג. זיי האבען נישט געהאט מער פון איין בגד, מיט וואס זיי זענען אנטלאפן, און זיי האבען נישט געוואלט אז עס זאל קאליע גיין אין די מערה, האבען זיי זיך אויסגעטון די בגדים איבערן טאג, און זיי האבען געמאכט א לאך אין די ערד, און זיי האבען זיך צוגעדעקט מיט זאמד די גאנצע גוף, און אזוי זענען זיי געזעסן און געלערנט. **פראבירט'ס עס אויס, ווי אזוי עס קוקט אויס צו זיצען אין א לאך אן בגדים ארומגענומען מיט זאמד, זומער און ווינטער, און אזוי לערנען.**

**און** ווען ער איז ארויסגעקומען איז אים געווען צושפאלטען די גוף, ער האט געהאט בקעים וסדקים אינעם גוף, און מען האט אים געדארפט היילען, איז נישט קיין חידוש אז ער איז אויסגעוואקסען א רבי שמעון. **אז מען זיצט און מען לערנט תורה מתוך הדחק, עס אינטערעסירט**

**גארנישט אויף די וועלט נאר תורה הק', וואקסט מען אויס אזוי גרויס ווי רבי שמעון.** מיר האבען אפילו נישט די חלומות און די שאיפות אויסצוּוואקסען אזוי ווי רבי שמעון, ווייל מיר קענען נישט טון וואס רבי שמעון האט געטון, ביז ער איז צוגעקומען אהין. אבער די מינימום דארף מען זיך אראפלערנען דערפון, **אז אויב מען וויל זוכה זיין צו כתרה של תורה, דארף מען זיך אויסשאלטערן פון אלעם,** אזוי ווי רבי שמעון איז געזעסן אין א מערה, און עס האט אים נישט אינטערעסירט די גאנצע וועלט, ער האט נישט געוויסט גארנישט וואס טוט זיך. **ער האט נישט געהאט קיין צייטונג, און קיין 'קול מבשר', ער האט גארנישט געוויסט וואס עס גייט פאר אויף די וועלט.** ער איז געזעסן דרייצן יאר איינגעשפארט אין א שטוב, און ער האט נישט געוויסט צו אינדרויסן איז מען געשטארבען, צו מען איז לעבעדיג, וואס עס טוט זיך מיט די ווייב און קינדער. אזוי זאגט די גמרא (שבת לג:), אז זיין ווייב האט נישט געוויסט ווי ער איז, די אלע יארן וואס ער האט זיך באהאלטען. עס האט אים נישט אינטערעסירט גארנישט אויף די וועלט, נאר ער איז געזעסן און געלערנט.

**און** די גמרא (שם) זאגט, אז ווען ער איז ארויסגעקומען פון די מערה, און ער האט געזען אז מענטשן ארבעטן, מען אקערט אין די פעלדער, האט ער זיי אנגעקוקט ווי משוגעים, מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה. ער האט נישט געקענט פארשטיין, ער האט נישט געהאט א השגה, ווי אזוי מען קען גיין ארבעטן. דרייצן יאר איז ער געזעסן און געלערנט מיט אזא דערהויבענקייט, און ער איז אזוי נתעלה געווארן, אז ער האט נישט געוויסט אפילו וואס עס טוט זיך אינדרויסן, אז מען קען עוסק זיין אין עניני עולם הזה. פאר די זאך אליין, וואס זיי האבען מעניש געווען די מענטשען, זענען זיי צוריקגעגאנגען אין די מערה פאר נאך א יאר, אז זיי זאלן האבען דערויף א כפרה.

**עס איז די יומא דהילולא פון רבי שמעון, און מען פרייט זיך מיט רבי שמעון, זאל מען כאטש געדענקען וואס רבי שמעון איז געווען. אז מען איז נישט זוכה צו אזא גרויסקייט ווי רבי שמעון איז אנגעקומען, אין די פלאג וואס ער האט זיך געפלאגט פאר תורה.** ווי מען האט פריער געהערט, כל המקיים את התורה מעוני, סופו לקיימה מעושר (אבות ד-ט), עס איז נישט דא נאך איינער וואס האט אזוי מקיים געווען דעם מעוני, ווי רבי שמעון האט געלערנט. און קוק'טס וואס פאר א עשירות ער האט באקומען. עד סוף כל הדורות גדעדנקט מען רבי שמעון, און אין די גאנצע וועלט איז יעדער אדוק אין רבי שמעון, אלעס ווייל ער האט מקיים געווען את התורה מעוני.

*

**איך** האב היינט געטראכט, מען זאגט אין דעם זמר (ואמרתם כה לחי), טיהר את עיר טבריה, ער האט מטהר געווען די שטאט טבריה, עשה אותו נקיה, ער האט עס געמאכט ריין, הודו לו משמיא, אדוננו בר יוחאי. נאכדעם זאגט מען, ידע כל הנסתרות, ער האט געוואוסט אלע באהאלטענע זאכן, דבריו עושים פירות, זיינע ווערטער האבן געמאכט פירות, ביטל כמה גזירות, ער האט מבטל געווען גזירות, אדונינו בר יוחאי. די גמרא פארציילט (שבת לג:) אז ווען ער איז ארויסגעקומען פון די מערה, האט רבי שמעון גזאגט, הואיל ואתרחיש ניסא, ווייל עס האט מיר פאסירט אזא נס, אז איך בין ניצול געווארן פון די רומיים, איזיל אתקין מילתא, וויל איך מתקן זיין עפעס א גוטע זאך פאר די שטאט. אזוי ווי יעקב אבינו האט געטון, ווען ער איז צוריקגעקומען פון די שטוב פון לבן. האט ער געפרעגט איכא מילתא דבעי לתקוני, איז דא עפעס א זאך וואס מען דארף מתקן זיין, אמרו ליה, האט מען אים געזאגט, איכא דוכתא, עס איז דא א פלאץ, דאית ביה ספק טומאה, ווי עס איז דא דארט א ספק טומאה, עס איז נקבר געווארן דארט א מת, און מען ווייסט נישט פונקטליך ווי ער איז, ואית להו צערא לכהנים לאקופי, א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין, און זיי האבען א צער, אז זיי דארפן ארומגיין דאס פלאץ, און גיין א אומוועג, ווייל מען קען נישט אדורכגיין דעם פלאץ, ווי עס איז דא דארט א ספק טומאה.

**האט** ער געפרעגט, איז דא איינער וואס ווייסט אז דא איז אמאל געווען מוחזק בטהרה, אז אויף דעם

פלאץ האט מען זיך באנוצט מיט טהרות. איז געקומען אן אלטער יוד, און ער האט געזאגט, אז דא האט רבי יוחנן בן זכאי געשניטן תורמוסי תרומה, תורמוס איז א מין פרי וואס הייסט תורמוס, און רבי יוחנן בן זכאי איז געווען א כהן, און ער האט דא אויף דעם פלאץ איינגעזייט די תורמוס פון תרומה, און ער האט עס אפגעשניטן, איז א סימן אז ער האט געהאלטן אז דא איז א מקום טהרה. און אז עס האט זיך געמאכט א טומאה, דארף מען נאר וויסען ווי די טומאה איז געקומען, ווייל עס האט א חזקה פון פארדעם, אז עס איז געווען טהור.

**פארציילט** די גמרא, עשה איהו נמי הכי, איז געגאנגען רבי שמעון, און ער האט אויך גענומען תורמסין, און ער האט געטון אזוי ווי רבי יוחנן בן זכאי האט געטון, און ער האט געשניטען תורמסין, און ער האט עס דארט אויסגעשפרייט, און עס איז געשען א נס, אז דארט ווי עס איז געלעגן א מת, צף למעלה, איז דער מת ארויפגעקומען פון אונטער די ערד, און די ערד אויבן איז געווארן ווייך, און מען האט געקענט זעהן, אז דא איז דא א מת. כל היכי דהוה קשי טהריה, ווי עס איז געווען הארט די ערד, עס איז געבליבן אזוי ווי עס איז געווען, האט ער געזאגט אז דא איז טהור, וכל היכי דהוה רפי, ווי עס איז געווען שוואך די ערד, צייניה, האט ער אנגעצייכנט אז דא איז א קבר, און ער האט געמאכט א גדר, אז א כהן זאל נישט צוגיין. קומט אויס, אז ער האט מטהר געווען די פלאץ, אז מען קען אדורכגיין. און דאס זאגט מען טיהר את עיר טבריה, עס איז געווען א ספק טומאה, און ער האט מטהר געווען טבריה, עשה אותו נקיה, ער האט עס געמאכט ריין, הודו לו משמיא, האט מען אים מודה געווען פון הימל, עס איז געשען א נס פון הימל, אז ווי עס איז געווען א מת האט זיך דער מת אויפגעהויבען.

**אבער** עס דארף האבען א ביאור, פארוואס האט ער גענומען פונקט תורמסין, און דאס האט ער צושניטען, און ער האט עס צוווארפען. די מפרשים זאגען, אז אזוי ווי דער סבא האט אים פריער געזאגט, אז בן זכאי האט געשניטען תורמסין, האט ער געוואלט מעורר זיין דעם זכות פון בן זכאי, האט ער אויך גענומען תורמסין וואס בן זכאי האט גענוצט, כדי מעורר צו זיין זיין זכות, אז די נס זאל מברר זיין.

**עס** קען אפשר זיין אז עס ליגט דערין נאך אן ענין, וואס מען זעהט די גרויסקייט פונעם הייליגען תנא רבי שמעון בן יוחאי. מען ווייסט אז די וועלט איז באשאפן געווארן מיט די תורה הק'. אסתכל באורייתא וברא עלמא (שמו"ר קסא.), ער האט געקוקט אין די תורה, און מיט דעם האט ער באשאפן די וועלט. אזוי ווי א מענטש בויט א בנין, איז דא א בלו"א פרינ"ט, מען שרייבט קודם ווי אזוי עס זאל זיין די צימער, און נאכדעם בויט מען דעם צימער לויט ווי אזוי די בלו"א פרינ"ט איז אנגעשריבען. אזוי האט דער אייבערשטער גענומען די תורה, און פון די תורה הק' האט ער באשאפן די וועלט. יעדע זאך וואס איז דא אין די וועלט, איז פארבינדען מיט די תורה הק'. די תורה האט אין זיך צוויי חלקים, עס איז דא נגלות התורה, און עס איז דא נסתר התורה. נגלות התורה איז וואס מיר לערנען. און אין יעדע זאך אין די תורה, איז דא נסתר התורה, וואס ליגט באהאלטען אין די ווערטער פון די תורה. מיר האבען נישט קיין השגה, וואס רבי שמעון האט אלץ מגלה געווען אין נסתר התורה.

**עס** קען זיין, אז די נגלות פון די וועלט, וואס מען זעהט אויף די וועלט, דאס איז באשאפן געווארן פון נגלות התורה. און די נסתרות וואס איז דא אין די וועלט, זאכן וואס איז באהאלטן אונטער די ערד, וואס מען זעהט עס נישט, דער כח ליגט אין נסתר התורה. און אזוי ווי רבי שמעון האט זוכה געווען אין די מערה צו נסתר התורה, און ער איז צוגעקומען צו די השגה פון נסתר התורה, האט ער נאכדעם געהאט א כח, אז וואס עס איז באהאלטען אין די וועלט, איז פאר אים נתגלה געווארן. אזוי ווי פאר אים איז נתגלה געווארן די נסתר פון די תורה, האט ער אויך געוואוסט די נסתר פון די וועלט. וויל די נסתר פון די וועלט, איז באשאפן געווארן דורך די נסתר פון די תורה, און אז מען איז זוכה צו פארשטיין נסתרות פון די תורה, איז מען זוכה צו פארשטיין אויך די נסתרות פון וועלט.

**קומט** אויס, אז ווען מען האט נישט געוויסט ווי דער מת איז, עס איז נסתר, עס איז באהאלטן, האט עס קיינער נישט געקענט מברר זיין. אבער רבי שמעון וואס ער האט מגלה געווען נסתר התורה, האט ער געקענט מגלה זיין, ווי עס איז דא א מת. מיט די פירות וואס ער האט צוווארפען, מיט דעם האט ער ארויפגעברענגט די מת, פון ווי ער איז געווען באגראבן.

**זאגט** מען אויף רבי שמעון, טיהר את עיר טבריה, ער האט מטהר געווען די שטאט טבריה, עשה אותו נקיה, ער האט עס געמאכט ריין. ווי אזוי האט ער געהאט דעם כח מגלה צו זיין א זאך וואס מען ווייסט נישט ווי עס איז, ווייל ידע כל הנסתרות, רבי שמעון האט דאך געקענט נסתר התורה, ער האט געוויסט אלע נסתרות וואס איז דא אין תורה, איז וועגן דעם 'דבריו עושים פירות', וואס ער האט געדארפט האבען, האבען זיינע פירות געטון. ער האט אראפגעווארפען די תורמסין, איז נתגלה געווארן וואס עס טוט זיך אין די נסתרות. און דאס האט נאר רבי שמעון געקענט, ווייל רבי שמעון האט זוכה געווען צו פארשטיין נסתר התורה.

*

**פארוואס** האט ער גענומען פונקט תורמסין, ער האט געקענט נעמען א עפל אדער א אנדערע פרי, אדער סתם זאגען אז די מת זאל ארויפקומען, פארוואס האט ער געדארפט האבען תורמסין. מיר ווייסען אז דער **אר"י הק'** איז געווען זייער גרויס אין נסתר, נאך רבי שמעון בן יוחאי איז דער **אר"י הק'** געווען דער גרעסטער אין נסתר התורה. און פון אים איז נפוץ געווארן די קבלה צו זיינע תלמידים. עס שטייט פון **רבי חיים וויטאל**, א תלמיד פונעם **אר"י הק'**, אז א גאנצע וואך האט דער **אר"י הק'** נישט געלערנט קיין נסתר, א גאנצע וואך האט ער געלערנט נגלות התורה, ער האט געלערנט יעדע זאך אויף זעקס דרכים על פי נגלות התורה, און שבת האט ער געלערנט די זיבעטע חלק אין נסתר התורה. די נסתר פונעם **אר"י הק'** איז נאר געווען א זיבעטל פון וואס ער האט עוסק געווען אין נגלות התורה. **רבי חיים וויטאל** שרייבט, אז עס איז אן ענין על פי סוד, אז נסתר התורה דארף זיין דער זיבעטער חלק פון די תורה, און זעקס חלקים דארף זיין נגלה. קומט אויס, אז רבי שמעון בן יוחאי ווען ער האט עוסק געווען אין די מערה אין תורה, און ער האט דעמאלטס מגלה געווען די נסתרות פון די תורה, האט ער קודם אדורכגעלערנט מיט רבי אלעזר זעקס חלקים אין די תורה על פי נגלות התורה, און נאכדעם וואס ער האט גע'ענדיגט זעקס חלקים אין נגלות התורה, האט ער עס גע'דרשנ'ט אויך אויף א וועג אין נסתר.

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת עד:, ביצה כה:) אז א תורמוס דארף מען קאכן זיבן מאל, ביז עס קומט ארויס די גוטע טעם פון די פרי. א תורמוס קען מען נישט עסן נאר ווען מען קאכט עס אפ זיבן מאל, דעמאלטס קומט ארויס די גוטס וואס ליגט אין די פרי. און אזוי איז דאך געווען די לימוד פון רבי שמעון בן יוחאי, זעקס חלקים איז געווען אין נגלה, און נאכדעם איז ער צוגעקומען צו די שפיץ פון תורה, וואס דאס איז נסתר התורה. און ווייל רבי שמעון בן יוחאי האט געלערנט נסתר התורה, האט ער זוכה געווען אז ידע כל הנסתרות, האט ער געקענט וויסען וואס טוט זיך אונטער די ערד, ווי עס ליגט באהאלטן א מת. איז ווען ער האט געוואלט מברר זיין וואס עס טוט זיך אונטען, האט ער גענומען דווקא א תורמוס, וואס די ערשטע זעקס מאל איז עס פסולת, און די זיבעטע מאל קומט ארויס די נסתר וואס איז באהאלטן דערין, האט רבי שמעון בן יוחאי צוווארפען דעם תורמוס, אז די כח פון דעם זיבעטן חלק וואס ער האט זוכה געווען אין נסתר התורה, דאס זאל פועל'ן אז ער זאל קענען וויסען די נסתרות וואס ליגט אינווייניג.

*

**מיר** זענען זייער ווייט פון נסתר התורה, אבער נגלות התורה דאס איז אונזער ארבעט. בחורים אין ישיבה ווי מען זיצט און מען לערנט, תורתם אומנתם, אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי וחבריו. אונזער תורתו אומנתו איז נישט אינגאנצן דומה צו זייער תורתו אומנתו, אבער עכ"פ די נאמען איז די זעלבע. מען זיצט און מען לערנט, דארף מען אויסנוצן די צייט, אז מען זאל זוכה זיין צו כתרה של תורה. **פון ברבורים ושליו ודגים, און שלאפן און שמועסן און ארומגיין ליידיג, איז מען נישט זוכה צו**

**תורה. אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף מען זיך מקדיש זיין פאר תורה, זיך אפזונדערן אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי איז געזעסן אין די מערה,** אפגעזונדערט פון די וועלט, עס זאל נישט אינטערעסירן עפעס אנדערש. מען דארף עסן און טרינקען און שלאפן, מען האט נישט קיין ברירה, אבער דער עיקר דארף מען ליגען אין תורה הק'. **און דאס איז אונזער עבודה, זיך ארייננצולייגען אין תורה און נישט מבטל זיין קיין צייט. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו עס איז אין די סדרי הישיבה צו שלא בסדרי הישיבה, עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען פארלאנגט מען זאל לערנען, צו מען פארלאנגט נישט מען זאל לערנען, יעדע רגע דארף זיין אויסגענוצט פאר תורה און עבודת ה'.** וסוף הכבוד לבא, כל המקיים את התורה מעוני, סופה לקיימה מעושר, אז מען לערנט תורה מיט 'מניעות', איז מען זוכה צו תורה מיט 'נעימות', ווי מען האט פריער געהערט, ווען א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, וועט ער צום סוף זיין, אז ער וועט זוכה זיין צו כתרה של תורה.

*

**ביי אונז איז געווען א שטיקל יום טוב נעכטן, מען האט געענדיגט מסכת ברכות, און מען האט אנגעהויבן מסכת שבת. אטייל פון די בחורים דא האבען אויך מיטגעהאלטן מסכת ברכות, און מען האט זיך אויף פארהערט, אשרי חלקם. איך וויל מציע זיין, אז עס איז א געלעגענהייט פאר יעדן בחור, איך רעדט נישט אין סדרי הישיבה, נאר שלא בסדרי הישיבה איז דא געענוג צייט פאר יעדן איינעם, אז מען זאל אנהייבען, און זיך צושליסען, און לערנען מסכת שבת אין די פרייע צייט. יעדע שבת אליין אז מען ברענגט נישט אן די צייט, קען מען אדורכלערנען אלעס וואס מען דארף לערנען, מיטצוהאלטען די מסגרת פון שבת. און כל שכן ווען מען לערנט פרייטאג, עס איז דא לאנגע פרייטאג נאכמיטאג'ס, לאנגע שבת נאכמיטאג'ס, און יעדע נאכט ווען מען קומט אהיים, ווען מען האט פרייע צייט. עס איז נישט אזוי שווער.**

**מסכת שבת איז א מסכת וואס יעדער דארף קענען, מען ווייסט אז די נסיונות פון א יוד איז שבת. אלע עבירות וואס א מענטש איז עובר דערויף, איז ער נאכנישט יצא מכלל ישראל, אבער המחלל שבת איז ער יצא מכלל ישראל, א מחלל שבת במזיד האט א דין ווי א גוי, זעהט מען עכ"פ ווי גרויס דער ענין פון שמירת שבת איז. איז כדאי אז ווער עס קען, זאל זיך אנשליסען דערצו. היינט הייבט מען אן מסכת שבת, מען לערנט א עמוד א טאג, צוויי און א האלב בלאט א וואך, עס איז נישט מער פון צען בלאט א חודש, אז מען זאל קענען במשך דעם יאר ענדיגען מסכת שבת.**

**דער** זכות פון רבי שמעון זאל מגין זיין אויף אונז אלע, רבי שמעון איז דאך געווען דער וואס האט געזאגט יכול אני לפטור את העולם (סוכה מה:), זיין כח איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט געקענט פטר'ן די גאנצע וועלט מן הדין. גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם (חולין ז:), יעדע יאר ווערט רבי שמעון נתעלה אין א העכערע מדריגה, זאל ער משפיע זיין אויף אונז, אז מיר זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מיר דארפן האבען. תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו, הוא ימליץ טוב בעדנו, ער זאל מאיר זיין אונזערע אויגן, והאר עינינו בתורתך, און ער זאל ממליץ טוב זיין פאר אונז, מיר זאלן זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב שמעון בראדי** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם ראוז קעסטעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל סעודת ל"ג בעומר שנערכה ע"י אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** שהתקיים בבית מדרשו. אחר הסעודה התפלל שם **רבינו שליט"א** תפלת ערבית.

אחר תפלת מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל בני המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **חיים משולם פייש לעווי שליט"א**, עב"ג בן הרב **נטע**

**עהרנטאל** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל בני המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **אהרן זילבערשטיין** שליט"א דומ"ץ צעהלים, עב"ג בן הרה"ג רבי **יוסף חיים לייפער** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מנאדבורנא שליט"א, חתן הגה"צ דומ"ץ טאהש ב"פ שליט"א), שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***ערב שבת קודש פרשת אמור***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם פריעדמאן** הי"ו (בן הר"ר **אליעזר דוד פריעדמאן** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***שבת קודש פרשת אמור***

בפרקי אבות דרש **רבינו שליט"א** דברים נפלאים השייכים להפרשה, בפרשת בן אשה הישראלית שקילל את השם.

גם דיבר בענין גלגולי נשמות השייכים לפרשה זו וגם להילולת רבי שמעון בן יוחאי, שהדברים נסתבבו מאת ה' שדורות האחרונים יתקנו עון הראשונים, אשר זהו בפלאות א-ל דעות לסובב הדברים שיזכה כל אדם לתקן מה שעיוות בשנות חייו, וברוב הימים תמצאנו.

בסיום דבריו הוסיף עוד, אשר אנו רואים תופעה נפלאה אשר מאז שנתרבו כלים הטכנולוגיים וכח הטומאה מתגברת, ירדה לעומת זה רוח טהרה של לימוד התורה במדה גדושה, ואלפים מישראל נתעוררו להצטרף למסגרות שונות של תורה, כי זה לעומת זה עשה אלקים, ובתבלינה של תורה יכולים להתגבר על הנסיונות של טומאה. וקרא לכל בני קהלתנו שאינם מסודרים במסגרת של תורה עד עתה, להצטרף בחבורת '**ובהם נהגה**' שמתחילים כעת מסכת שבת, והעסקנים מוכנים לעזור בשיעורים וחברותות לכל מי שרוצה להיות נמנה בחבורה, וטעמו וראו כי טוב ה'.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **זלמן לייב בראדי** נ"י חתן הר"ר **אהרן יוסף דאסקאל** הי"ו.

# דברות קודש שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
## בסיום מסכת ברכות והתחלת מסכת שבת
## שעל ידי חבורת 'ובהם נהגה'
### ליל ל"ג בעומר תשע"ה - באולם עטרת חי'

**עס** איז ביי מיר אן אויסערגעווענליכע שמחה מיטצוהאלטן היינט מיט די אלע וואס זענען אין די חבורה פון 'ובהם נהגה', און זענען מסיים מסכת ברכות. **איך בין אויך א חלק פון זיי, איך האב זיך אויך משתתף געווען אין דעם לערנען.** עס איז אביסל שפעט געווארן, אבער די וועלט זאגט, אז מען האט נאך קיינמאל נישט געזעהן, אז א חתן זאל איינשלאפן אינמיטן די אייגענע חתונה, צו ער זאל זאגן אז עס איז שפעט און ער איילט זיך שוין אהיימצוגיין. עס איז אונזער שמחה, **עס איז אן אויסערגעווענליכע שמחה, אז ב"ה אזא ציבור יודען האבן זיך צוזאמגענומען, מען זיצט און מען לערנט א גאנץ יאר, און מען האלט שוין ב"ה ביים סיום פון מסכת ברכות.** מען זיצט יעצט ביי א מסיבה שתלמידי חכמים מסובין בה, **אלע וואס געפינען זיך דא זענען בגדר תלמידי חכמים.** זיי האבן אוועקגעגעבן צייט אויף לימוד התורה, און א גרויס חלק האבן זיך געלאזט פארהערן וואס מען האט געלערנט, איז באמת א שמחה דא אנטייל צונעמען.

**עס** איז נישט נאר די שמחה פון דעם עצם לימוד התורה, וואס דאס אליין איז א געוואלדיגע שמחה. **נאר די שמחה איז אויך אויף זייערע שטובער וואס האבן זיך אינגאנצן געטוישט. אז עס איז נישט צו דערקענען ווי אזוי עס איז געווען, און וואס עס איז געווארן פון זיי.** יונגעלייט וואס איך קען זיי שוין יארן, נאך פון די ישיבה, און איך האב קיינמאל נישט געטראכט, אז פון דעם יונגערמאן וועט אויסוואקסן וואס עס איז אויסגעוואקסן. און אלעס איז צו פארדאנקען פאר דעם לימוד התורה, בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין, **אז מען האט זיך גענומען צו לערנען האט דאס משנה געווען דעם מענטש צו אן אנדערן סארט יוד פון וואס ער איז געווען פאר דעם. מען איז א אנדערער סארט טאטע פאר די קינדער פון וואס מען איז געווען פאר דעם. מען איז א אנדערער סארט מאן אין שטוב פון וואס מען איז געווען פון פריער. עס האט געטוישט דעם גאנצען מהות, מען איז ערליך און איידל, מען קוקט אנדערש אויף די וועלט,** דאס איז אלעס צו פארדאנקען פאר דעם לימוד התורה.

**איך** וויל באדאנקען פאר די אלע וואס האבן ארגאניזירט די חבורה פון '**ובהם נהגה**'. רבי נחמיה פייערווערקער, ר' יהושע שטערן, און רבי שלמה זלמן פאללאק. און די חשובע תומכים וואס געבן די תמיכה פאר די וואס לאזן זיך פארהערן. עס איז זייער גרויס זייער חלק אין הרבצת התורה, צו געבן די מוט פאר די יונגעלייט, אז מען זאל ממשיך זיין דערין, און עס טוישט די שטובער אויף תורה'דיגע שטובער.

*

**עס** איז היינט די יומא הילולא פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בן יוחאי. איך וועל זיך שטעלן אויף א מאמר פון רבי שמעון בן יוחאי וואס ברענגט ארויס די חשיבות פון לימוד התורה. בדרך כלל טוט מען משלב זיין איין מסכת צו די צווייטע מסכת, צו ווייזן אז די תורה האט נישט אן אנהייב און א סוף, און אלעס איז אויסגערעכענט מיט א חשבון. איך וועל משלב זיין די לעצטע מימרא פון רבי שמעון בן יוחאי אין מסכת ברכות, מיט די ערשטע מימרא ווי רבי שמעון בן יוחאי ווערט צוגעברענגט אין מסכת שבת. די לעצטע מאמר פון רבי שמעון בן יוחאי אין די מסכת איז פארבינדן מיט א חלום, כשם שאי אפשר לבר בלי תבן, אזוי ווי עס איז נישט שייך אז עס זאל זיין תבואה אן שטרוי, אזוי איז נישט מעגליך פאר א חלום אז עס זאל זיין אן דברים בטלים (ברכות נה.). דאס איז די לעצטע מימרא פון רבי שמעון בן יוחאי אין מסכת ברכות.

**אין** מסכת שבת ווערט רבי שמעון בן יוחאי צוגעברענגט, ביי די גמרא (שבת יא.) אז חברים וואס

זענען עוסק בתורה, מפסיקין לקריאת שמע ואין מפסיקין לתפלה, זיי זענען מפסיק פון זייער לימוד התורה צו ליינען קריאת שמע וואס איז א דאורייתא, אבער צו תפלה, צום דאווענען, דארפן זיי נישט מפסיק זיין. אויף דעם קומט רבי יוחנן און זאגט, אז דאס איז נאר כגון רבי שמעון בן יוחאי וחבריו, וואס עס איז געווען תורתן אומנותן, די תורה איז געווען זייער אומנות, זיי האבן נישט געהאט קיין שום ארבעט, און זיי זענען געזעסן און געלערנט יעדע פרייע מינוט וואס זיי האבן געהאט, ביי זיי איז די הלכה אז זיי דארפן נישט מפסיק זיין לתפלה. אבל כגון אנו, אבער אזוי ווי אונז, מיר דארפן מפסיק זיין, סיי פאר קריאת שמע און סיי פאר תפלה.

*

**רבי** יוחנן זאגט 'כגון אנו', אזוי ווי אונז, איז נישט קיין תורתן אומנותן, און מיר דארפן מפסיק זיין פאר קריאת שמע און תפלה. רבי יוחנן האט אויך נישט אנגעברענגט קיין צייט, די גמרא זאגט (יומא פו.) אז רבי יוחנן האט געזאגט, היכי דמי חילול ה', וואס מיינט חילול ה', כגון אנא, ער האט געזאגט אויף זיך, אזוי ווי איך, וואס אויב איך וועל גיין ד' אמות בלי תורה, איז עס חילול ה'. איז דאך טייטש, אז רבי יוחנן האט אויך נישט אנגעברענגט די צייט, און ער איז נישט געגאנגען אפילו פיר אמות אן תורה.

**איך** האב אמאל געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, וואס ער האט געזאגט, ווילאנג נעמט צו גיין ד' אמות, וואס אויף דעם האט רבי יוחנן געזאגט אז ער איז נישט געגאנגען בלי תורה. האט ער געזאגט, א שיעור פון א מיל איז צוויי טויזנט אמה, א מיל נעמט בדרך כלל צו גיין אכצען מינוט. ווען מען רעכנט אויס, קומט אויס אז א מענטש גייט בערך הונדערט און עלף אמות אין א מינוט. קומט אויס, אז אין איין סעקונדע קען מען גיין כמעט צוויי אמות. און א שיעור פון הילוך ד' אמות, איז אביסל מער פון צוויי סעקונדעס. און **רבי יוחנן האט געזאגט אויף זיך, אז ווען ער גייט ד' אמות אן תורה, איז עס ביי אים גערעכנט פאר א חילול ה'. דאס מיינט, אז ער האט נישט אנגעברענגט אפילו צוויי סעקונדעס אן לימוד התורה.** און פון דעסטוועגן דאך האט ער געזאגט, אז ער איז נישט אין דעם כלל פון רבי שמעון בן יוחאי וחבריו, ווייל ער האט געדארפט אוועקגעבן צייט צו ברענגען פרנסה. עס איז נישט געווען תורתו אומנתו, ער האט אויך אן אנדערע אומנות אויסער תורה, האט ער געזאגט, אז ער איז נישט אין דעם כלל פון רבי שמעון בן יוחאי וחבריו.

**רבי** שמעון בן יוחאי גייט אבער לשיטתו אין א צווייטע מימרא (ברכות לה:), אדם חורש בשעת חרישה, וזורע בשעת זריעה וכו', תורה מה תהא עליה, האלט רבי שמעון בן יוחאי, אז מען טאר נישט מפסיק זיין פון תורה, לא ימוש ספר תורה הזה מפיך (יהושע א-ח). איי פון ווי וועט מען קענען לעבן. בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, ווען יודען טוען רצונו של מקום, ווערט נתקיים ביי זיי דעם פסוק (ישעיה סא-ה) ועמדו זרים ורעו צאנכם, עס וועלן אויפשטיין זרים, און עס וועט זיין מלאכתן נעשית על ידי אחרים. רבי שמעון בן יוחאי האט געהאלטן, אז מען טאר נישט מפסיק זיין פון תורה, מען דארף לערנען תורה שטענדיג, און אזוי האט ער זיך געפירט. וועגן דעם איז רבי שמעון בן יוחאי וחבריו געווען פטור פון תפלה.

*

**און** עס דארף האבן א ביאור. אויב תורה איז גרעסער פון תפלה, אז מען דארף נישט מבטל זיין פון תורה וועגן תפלה, איז דאך דאס ביי א יעדן תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, פארוואס זאל ער דארפן מפסיק זיין פון תורה אויף תפלה. די שעה לערנט ער, פארוואס איז ער מחויב מפסיק צו זיין און אוועקגיין פון זיין לערנען צום דאווענען. איז תורה נישט חשובער פון תפלה, פארוואס אויב ער זיצט און לערנט א גאנצן טאג, דארף ער נישט מפסיק זיין צו תפלה. וואס איז דער חילוק פון איינעם וואס איז מפסיק אינמיטן לערנען צו טון פאר פרנסה, צו ער איז נישט מפסיק. דער לערנט צען שעה א טאג, און דער איז נישט מפסיק פאר זיין ארבעט, און ער לערנט פופצן שעה א טאג. ווייל ער לערנט מיט א פאר שעה מער איבערן טאג, איז וועגן דעם די הלכה, אז ער דארף נישט מפסיק זיין לתפלה.

**נאר** דער פשט דערפון איז, **עס איז דא צוויי ערליי תורות. עס איז דא א תורה וואס א מענטש לערנט, און יעדע רגע וואס ער לערנט תורה, יעדעס ווארט וואס ער לערנט, איז ער מקיים א מצוה.** דער גר"א זאגט, אז א יעדער דיבור ווערט גערעכנט פאר אן עקסטערע מצוה, און וועגן דעם איז תלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א). עס שטייט אין **חפץ חיים**, אז א מענטש קען רעדן אין איין מינוט בערך צוויי הונדערט ווערטער. דאס איז טייטש, אז ווען א יוד לערנט תורה איין מינוט, איז ער מקיים צוויי הונדערט מצות. ווען א יוד זיצט און לערנט תורה, איז די חשיבות פון זיין תורה זייער גרויס.

**עס** איז אבער דא נאך אן ענין אין תורה. וואס דאס איז, **א יוד וואס האט נישט עפעס אנדערש אויף די וועלט, נאר תורה.** עס איז נישטא ביי אים קיין שום זאך אויף די וועלט, וואס ער גיבט אוועק פאר דעם אפילו איין מינוט אין זיין לעבן, אויסער פאר לימוד התורה. און די תורה איז א אנדערע סארט תורה. דאס איז נישט א מצוה פון לימוד התורה, אז די שעה לערן איך, און מען גייט יעצט מעסטן, וועלכע עס איז א קלענערע מצוה, און וועלכע עס איז א גרעסערע מצוה. ער איז א יוד וואס זיין גאנצער מהות איז נאר תורה הק'. און עס איז נישטא א זאך אויף די וועלט, וואס ער זאל אוועקגעבן דערויף א מינוט פון זיין לעבן, אויסער פאר תורה. און דאס איז געווען רבי שמעון בן יוחאי וחבריו. זיי האבן נישט מפסיק געווען פאר קיין שום זאך אויף דער וועלט, נאר אויף לימוד התורה. זיי האבען געלעבט אין תורה. און אזא סארט תורה איז אזא הויכע תורה, וואס די תורה דארף מען נישט מבטל זיין פאר קיין שום זאך אויף די וועלט, אפילו פאר תפלה.

**און** עס האט א ביאור אויך. אנדערע מצות איז רבי שמעון בן יוחאי אויך געווען מחוייב. ער האט געדארפט שאקלען לולב, און בלאזן שופר. מען האט נישט געזאגט, ווייל ער לערנט, איז ער נישט מחויב מקיים צו זיין די מצוה. נאר פון תפלה האט מען געזאגט אז ער איז פטור. וואס איז תפלה? **תפלה האט אין זיך צוויי חלקים. ווען א יוד דאווענט צום אייבערשטן, איז די תפלה בעצם אז ער דארף האבן זיינע צרכים. און כדי ער זאל באקומען וואס ער דארף צו האבן, דארף ער בעטן פונעם רבונו של עולם. ער דארף פרנסה, ער דארף געזונט, ער דארף נחת, דארף א יוד מתפלל זיין. נאכדעם איז דא א תפלה וואס איז דביקות צום אייבערשטן. די שעה וואס א יוד דאווענט צום רבונו של עולם, איז ער אויסגעשאלטערט פון די וועלט, דעמאלטס איז ער דבוק אינעם רבונו של עולם, דאס איז די מצוה פון ובו תדבק** (דברים י-כ)**, דעמאלטס האט ער זיין אהבת ה', זיין יראת ה' קומט אים ארויס ביים דאווענען. און א יוד איז מחוייב אוועקצוגעבן צייט פאר תפלה. אויסער די עצם זאך וואס ער דארף בעטן פונעם אייבערשטן אויף זיינע צרכים, דארף ער האבן א שעה וואס עס איז לעבדו בכל לבבכם** (שם יא-יג)**, א שעה וואס ער דינט דעם אייבערשטן מיטן גאנצען הארץ, וואס דאס איז דביקות הבורא.**

**אבער** א יוד ווי רבי שמעון בן יוחאי, וואס זיין מהות איז געווען תורה הק'. ער האט נישט מבטל געווען תורה פאר קיין שום זאך אין דער וועלט, אזא יוד וואס איז דבוק אין די תורה יעדע רגע, דער דארף נישט קיין דביקות פון תפלה, ווייל ער האט זיין דביקות אין תורה אליין, ווייל קודשא בריך הוא ואורייתא חד הוא (זוהר ח"א עג.). ער דארף נישט קיין עקסטערן זמן, אז די שעה גיי איך זיין דבוק אינעם אייבערשטען, ווייל זיין גאנצע מהות פון לעבן איז שטענדיג צוגעבינדן צו תורה, און דארט האט ער זיין דביקות אינעם אייבערשטען. אזא יוד דארף נישט מתפלל זיין צום אייבערשטן אויף פרנסה, ווייל דער רבונו של עולם געבט אים די פרנסה, אן דעם וואס ער בעהט. דער רבונו של עולם היט אזא יוד וואס איז מקבל אויף זיך אזוי תורה, אז ער דארף נישט בעטן זיינע צרכים. אזוי ווי א מלך וואס שטעלט צו פאר זיינע נאנטע באדינער'ס, אלעס וואס זיי דארפן צו האבן. די מלכה דארף נישט בעטן פרנסה פונעם מלך, ווייל דער מלך שטעלט עס צו פון זיך אליין. אזעלכע יודען ווי רבי שמעון בן יוחאי וחבריו, האבן נישט געדארפט מתפלל זיין, ווייל זיי באקומען זייערע צרכים פונעם רבונו של עולם, אן דעם וואס זיי זאלן דארפן מתפלל זיין.

**און** עס איז ביי יעדן יוד אזוי, **כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.** ווען

**א יוד נעמט אויף זיך עול תורה, טוט אים דער אייבערשטער פארגרינגערן, אז ער האט נישט קיין פראבלעמען אין פרנסה. דער אייבערשטער נעמט אים אוועק עול מלכות, ער האט נישט צו טון מיט די רעגירונג. טאמער זעהט מען, אז ער האט יא עול מלכות, און ער האט יא עול דרך ארץ, איז א סימן אז עס פעלט אים אין עול תורה.** אבער המקבל עליו עול תורה אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי, האט ער נישט געהאט קיין שום זאך וואס ער האט געדארפט מתפלל זיין דערויף, מען האט אוועקגענומען פון אים עול מלכות און עול דרך ארץ.

*

**אויף** רבי שמעון בן יוחאי זאגט מען, אז עס איז געווען תורתו אומנתו, בפשטות לערנט מען, אז ער האט נישט געהאט קיין אנדערע אומנות אויסער דעם. תורתו, זיין לערנען, אומנתו, דאס איז געווען זיין איינציגע אומנות וואס ער האט געהאט. דער פשט דערפון איז אויך אביסל אנדערש. **יעדער יוד ווען מען פרעגט אים, וואס איז דיין אומנות. איינער זאגט אז ער איז אין אינשורענס, איינער זאגט אז ער איז אין מארגידזשעס, איינער זאגט אז ער האט א געשעפט. וואס איז געווען די פרנסה פון רבי שמעון? ער האט מקבל געווען עול תורה. און אז מען איז מקבל עול תורה, איז מעבירין ממנו עול דרך ארץ. תורתו, זיין לערנען, דאס איז געווען אומנתו. ווען מען האט אים געפרעגט וואס איז דיין ביזנעס, פון וועלכע אומנות האסטו דיין פרנסה, האט ער געזאגט, מיין תורה וואס איך לערן, דאס איז מיין אומנות.** און אין דעם איז רבי שמעון בן יוחאי געווען אן אויסנאם. ער מיט זיינע חברים זענען צוגעקומען צו אזא דביקות אין תורה, אז עס האט זיי נישט אינטערעסירט קיין שום זאך פון הבלי עולם הזה. נישט אוועקגעגעבן א רגע פון זייער לעבן פאר עניני עולם, נאר געווען דבוק אין תורה הק'.

*

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, די גמרא זאגט (ברכות יד.), כל הלן שבעה ימים בלי חלום, נקרא רע. א מענטש וואס גייט אדורך זיבן טאג, און ער האט נישט קיין חלום, ווערט ער אנגערופן אז ער איז א שלעכטער פארן אייבערשטן. שנאמר (משלי יט-כג) ושבע ילין בל יפקד רע. דער פשוטער פשט איז, אז דער וואס איז א ירא ה', ושבע ילין, ער נעכטיגט זעטיגערהייט, בל יפקד רע, און ער ווערט נישט נפקד מיט קיין שלעכטס. אבער די גמרא דרשנ'ט, אל תקרא שובע אלא שבע, 'ושבע ילין', ווען איינער איז לן שבעה ימים, עס גייט אדורך זיבן טאג, 'בל יפקד', און ער האט נישט קיין חלום, מען רעדט נישט פון אים אויבן אין הימל, אז מען זאל אים צושיקן א חלום, 'רע', איז א סימן אז ער איז א שלעכטער.

**איך** האב אמאל געזעהן שטיין פשט דערפון. דאס לעבן פון א מענטש איז פארגענגליך, מען איז נאר דא, די פאר יאר וואס דער אייבערשטער שיקט אראפ אויף דעם עולם. און די צייט דארף א יוד אויסנוצן, און דינען דעם אייבערשטן. דאס לעבן אליין גייט אדורך שנעל, ימיו כצל עובר (תהלים קמד-ד), לא כצילו של אילן אלא כצל העוף הפורח (רש"י שם). אין די הייליגע טעג זאגט מען (בפיוט ונתנה תוקף), אז עס איז כחלום יעיף, דאס לעבן פונעם מענטש גייט אוועק אזוי ווי א חלום. מען קוקט צוריק וויפיל ער איז שוין אדורכגעגאנגען ביז יעצט, זעהט עס אויס ווי א חלום וואס איז אדורכגעגאנגען. א יוד דארף געדענקען, אז נאכדעם לאזט מען אלעס איבער אויף די וועלט. פון אלעם בלייבט נישט פארן מענטש גארנישט, עס איז הבלי עולם הזה, און עס איז א שאד אוועקצוגעבן אזויפיל צייט פאר נארישקייטן פון די וועלט, ווען אין די צייט קען ער זיך קונה זיין עולמו של תורה, זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען. ער דארף שטענדיג געדענקען, אז די וועלט איז כחלום יעיף, עס גייט אדורך אזוי ווי א חלום.

**א** גאנצע וואך קען אמאל א מענטש זיין אזוי פארטון אין די געשעפטן, אז ער האט נישט קיין צייט צו טראכטן, און זיך איבערצייגן אז די וועלט איז טאקע נאר א חלום. אבער ווען עס גייט אדורך א שבת, **שבת איז דאך א יום מנוחה, ער איז נישט פארטון מיט די ארבעט, עס איז א טאג וואס ער קען טראכטן, און א טאג וואס מען דארף טראכטן, א טאג וואס ער דארף האבן ישוב הדעת, און זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן. דארף ער עכ"פ איינמאל אין די וואך, דעם שבת'דיגן טאג, זיך מאכן א חשבון הנפש, ווי אזוי איז מיר די וואך אדורכגעגאנגען, וואס**

**קען איך טון אז די קומענדיגע וואך זאל זיין שענער פון די פארגאנגענע וואך, ווי אזוי קען איך מיך בעסער מסדר זיין, אז איך זאל קענען עוסק זיין בתורה. עס מוז זיין א שבת אין די זיבן טאג, וואס דער שבת זאל אויפקלערן פארן מענטש, אז די וועלט איז נאר א חלום.**

**'כל** הלן שבעה ימים', אויב עס גייט אדורך אויף א מענטש גאנצע זיבן טאג, 'בלא חלום', ער דערמאנט זיך נישט אז די וועלט איז א חלום. דער שבת גייט אדורך ביי אים אזוי ווי א וואכענדיגע טאג, 'נקרא רע', איז א סימן אז דעם מענטש פעלט עפעס. אז עס זאל דורכגיין א שבת, און ער זאל זיך נישט דערמאנען אז די וועלט איז א חלום, דער איז נקרא רע, ווערט ער אנגערופן א שלעכטער.

**די** וועלט זאגט, אז **די וועלט איז טאקע אזוי ווי א חלום, אבער א גוטער חלום איז אויך גוט, די וועלט זאל כאטש זיין א גוטער חלום.** מען זאגט נאך פונעם **פאניוויזשער רב**, אז מען האט אים אמאל געזאגט, אז די וועלט איז נאר אזוי ווי א חלום. האט ער געזאגט, **'יא, פאר דעם וואס שלאפט, איז עס אזוי ווי א חלום, אבער פאר דעם וואס נוצט אויס די צייט, איז די וועלט נישט קיין חלום'**. עס גייט טאקע אדורך כחלום יעיף, עס גייט דורך אזוי ווי א חלום, אבער די וועלט איז מער ווי א חלום, די וועלט איז א וועלט וואס מען קען זיך קונה זיין עולמו של תורה און עבודת ה'.

**אבער** דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, אז עס איז דא דערין צייטן, וואס א מענטש מוז מבטל זיין פאר דברים בטלים. און וואס מען מוז טון אין די וועלט פאר דברים בטלים, דאס איז נישט קיין חסרון, און עס נעמט נישט אוועק פון זיין לימוד התורה. אז א מענטש דארף אוועקגעבן צייט פאר זיינע עניני גשמיים, וואס ער קען עס נישט טון דורך א צווייטן, אויף דעם איז אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.), אויף דעם איז נישטא קיין טרוניא פונעם אייבערשטן, און עס הייסט תורתו אומנתו, ווייל יעדע רגע געבט ער אוועק פאר תורה. - רבי שמעון האט טאקע נישט אוועקגעגעבן קיין צייט פאר אומנות. אבער עס איז דאך דא צרכים וואס אפילו רבי שמעון בן יוחאי האט אויך געדארפט אוועקגעבן צייט דערויף. די צרכים פונעם מענטש, עסן, טרינקען, שלאפן, עשיית צרכים, די אלע זאכן וואס די גמרא (שבת פט:) רעכנט אויס, אז מען רעכענט עס אראפ, ווען מען מאכט דעם חשבון וויפיל שעות עס איז דא צו לערנען. און דאס האט רבי שמעון בן יוחאי אויך געדארפט מבטל זיין פון זיין צייט. אבער וואס עס איז לא אפשר, וואס מען האט נישט קיין ברירה, האט ער אויך געמוזט אוועקגעבן צייט דערויף. אבער וואס מען האט געקענט טוען דורך א צווייטן, האט ער נישט אוועקגעגעבן קיין צייט. עמדו זרים ורעו צאנכם, דאס זאל א אנדערער טון, ער געבט נישט אוועק קיין צייט דערויף, ווייל ער דארף עוסק זיין בתורה.

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **חזון איש**, אז ער האט געזאגט, אז ווען ער האט זיך געוואלט באדינען מיט איינעם אין שטוב, האט ער געבעטן דעם **סטייפלער**, אז דער **סטייפלער** זאל עס טוען פאר אים. האט ער געזאגט, ווען איך הייס פאר א אנדערן ער זאל מיר עפעס טוען, איז דאס ביטול תורה, אבער דער **סטייפלער**, וואס ער וועט טוען פאר מיר, וועט זיין קאפ זיין אין תורה, און איך בין אים נישט מבטל פון לערנען. - און דאס איז געווען רבי שמעון בן יוחאי. וואס ער האט געטון, איז אלעס געווען אין תורה. ער האט געקענט עסן און מהרהר זיין בדברי תורה, ער האט געקענט טרינקען און מהרהר זיין בדברי תורה, די עסן און טרינקן האבען אים נישט געשטערט פון תורה. אבער שינה האט ער נישט געקענט בתורה, אז מען שלאפט קען מען נישט עוסק זיין בתורה. און בעשיית צרכים טאר מען נישט מהרהר זיין בדברי תורה, האט ער אויך געהאט צייטן וואס האבן אים געשטערט פון תורה. נאר וואס עס איז נישט מעגליך, דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט, אויף דעם איז אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.), ער האט דאך נישט קיין ברירה. אבער וואס ער האט געהאט א ברירה אוועקצוגעבן פאר א צווייטן, האט ער נישט מבטל געווען קיין צייט. אויף פרנסה האט ער נישט אוועקגעגעבן צייט, און ער האט זיך פארלאזט, אז דער אייבערשטער וועט אים ממציא זיין וואס ער דארף צו האבן.

**האט** רבי שמעון בן יוחאי געזאגט, כשם שאי אפשר לבר בלי תבן, אזוי ווי תבואה מוז דאך האבן עפעס דברים בטלים אין זיך, כך אי אפשר לחלום, די וועלט וואס איז נאר א חלום, איז נישט מעגליך בלי דברים בטלים, עס מוז זיין דברים בטלים אויך אין די וועלט, אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן. אבער א יוד דארף זעהן, אז אלע זיינע פרייע זמנים וואס ער האט אויסער דעם, זאל ער עס אויסנוצען פאר כבוד שמים.

*

**און** דאס איז אונזער געוואלדיגע שמחה. **ווען מען זעהט ב"ה וויאזוי אונזער קהילה האט זיך ממש געטוישט, פנים חדשות באו לכאן, עס איז נישט צו דערקענען ווען מען קומט אריין אין שול צופרי, ווי אזוי די שול איז אנגעפילט מיט לומדי תורה. ביינאכט איז די שול אנגעפילט, מען זיצט און מען לערנט. ווען מען קומט אריין אין שול זונטאג, איז עס פול און מען לערנט תורה. ומכל שכן ווען מען האלט פאר א בחינה וכדומה, איז עס אסאך פולער ווי אן אנדערע מאל. דאס איז א געוואלדיגע שמחה פאר אונז אלע. אשרינו מה טוב חלקינו, יעדער דארף זיך פילען גליקלעך, אז איך בין א חלק פון די חבורה, אז איך בין א חלק פון די וואס האבן שוין מסיים געווען א מסכת. דעם גוטן געפיל וואס א מענטש האט, אז ער האט געלערנט, ער האט מסיים געווען, און כל שכן אז ער האט זיך פארהערט און ער קען עס, די שמחה און דעם סיפוק הנפש וואס מען האט, איז אין לשער.** עס איז א געוואלדיגע שמחה פאר אונז, אז מען האט געהאט דעם שכל אז מען זאל זיך צושטעלן דערצו.

**ווען** מען האט גערעדט מעיקרא דעם פלאן פון די חבורה '**ובהם נהגה**', האט עס מיר אויסגעקוקט ווי א חלום, איך האב נישט געגלייבט אז עס וועט זיך איינגעבן, איך האב געטראכט אז עס וועלן זיין דרייסיג אדער פופציג יודען. אבער מען קען זאגן, אז **אונזער קהילה איז נישט פון די גרעסטע קהילות, אבער פראצענטועל פון אונזער קהילה, זענען רובם א חלק פון די וואס זיצן און לערנען. רובם זענען עוסקים בתורה, און רובם זענען פון די וואס האבן א שייכות מיט 'ובהם נהגה' און וואס פארהערן זיך אין 'ושננתם', דאס איז א געוואלדיגע שמחה.** עס איז געקומען א פנים חדשות, דער לימוד התורה וואס איז צוגעקומען, איז אויסערגעווענליך. מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו, בשעת מען האט גערעדט דערפון אין אנהייב, איז עס געווען 'נפלאת', אז די זאך וועט זיך אויסשטעלן. אבער זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, מיר קוקן ווי אזוי עס האט זיך אזוי שיין אויסגעשטעלט ביי אונז אין די קהילה. און בעצם אז מען רעדט שוין, דארף מען רעדן פון די גאנצע וועלט, עס איז געווארן א התעוררות פון תורה אין די גאנצע וועלט. כמעט אין אלע קהילות האט מען זיך ארגאניזירט צו לערנען תורה. די בתי מדרשים זענען פול מיט לומדי תורה, וואס כלל ישראל האט שוין לאנג נישט אזוי שיין אויסגעזעהן, אז בעלי בתים זאלן זיצן און לערנען. עס איז אלץ געווען וואס מען האט קובע געווען עתים לתורה, אבער אן א חבורה, אן א מסגרת. און דאס איז זיך יעצט צוזאמגעקומען, תורה וואס מען לערנט מיט א מסגרת, האט א געוואלדיגן חשיבות.

**איך** האב געזעהן שטיין אין **שפת אמת**, אז רבי שמעון בן יוחאי וחבריו וואס האבן נישט מפסיק געווען לתפלה, דאס איז נאר געווען, ווען עס איז געווען ביי אים לימוד התורה ברבים, רבי שמעון בן יוחאי וחבריו, צוזאמען מיט די חברים, דעמאלטס איז געווען אזוי חשוב די תורה, אז ער האט נישט מפסיק געווען לתפלה. אבער ווען רבי שמעון בן יוחאי האט געלערנט אליין, האט ער יא געדארפט מפסיק זיין אפילו לתפלה אויך.

**איך** האב געזעהן מיט דעם צו פארענטפערן די קשיא וואס תוספות (שבת יא.) פרעגט, אז די גמרא (שם לג:) זאגט, אז ווען רבי שמעון בן יוחאי איז געווען אין די מערה, האט ער זיך אנגעטון די בגדים ווען ער האט געדאווענט. פרעגט תוספות, דו זאגסט דאך אז רבי שמעון בן יוחאי איז געווען פטור פון תפלה. און תוספות ענטפערט, אז די גמרא מיינט נישט, ווען ער האט זיך געשטעלט 'דאווענען', נאר ווען ער האט מפסיק געווען צו 'קריאת שמע'. דאווענען מיינט די קבלת עול מלכות שמים פון קריאת שמע, אבער פון תפלה איז ער געווען פטור. פרעגט מען אויף דעם, אז אין

ירושלמי (שבת א-ב) שטייט, אז רבי שמעון בן יוחאי האט נישט מפסיק געווען נישט לקריאת שמע און נישט לתפלה. אבער אז מען זאגט, אז נאר ווען ער האט געלערנט ברבים, רבי שמעון בן יוחאי 'וחבריו', דעמאלטס האט ער נישט געדארפט מפסיק זיין, אבער אין די מערה האט ער דאך נישט געהאט קיין חברים, זיי זענען געווען נאר צוויי מענטשן, און צוויי זענען נישט קיין חברים, עס מוז זיין תלמוד תורה דרבים, האט ער געמוזט מפסיק זיין אפילו פאר תפילה אויך.

**אונזער לימוד התורה, איז א לימוד התורה דרבים. און יעדער איינער וואס האלט מיט דערמיט, געבט ער א חיזוק פאר זיין חבר. זיין חבר זעהט אז ער לערנט, לערנט ער אויך, און ער האט מיט וועם צו שמועסן אין לערנען. איז א געוואלדיגער זכות פאר יעדן איינעם, וואס האט א חלק דערין.**

*

**מען** גייט יעצט אנהייבן א נייע מסכת, מסכת שבת. **יעדער איינער זאל נעמען אויף זיך דעם עול. דער אייבערשטער האט געוויזן, אז ער קען מסיים זיין אין מסכת, קען ער מסיים זיין אויך ש"ס. אפשר וועט מסכת שבת זיין אביסל שווערער ווי מסכת ברכות, אבער אז ער האט געקענט מסכת ברכות, קען ער קענען מסכת שבת אויך. אפילו עס איז גרעסער און עס איז לענגער, עס איז אבער שטארק וויכטיג. א יוד דארף דאך זיין א שומר שבת, און וויסן די הלכות וואס מען מעג טון, און וואס מען טאר נישט. אז מען לערנט אדורך די מסכת, עפענט עס די אויגן.** און דורך דעם וואס מען לערנט אליין, טוט מען מעורר זיין א חבר צו לערנען, אריינצוברענגען אן אהבת תורה אין יודען.

**עס** שטייט אין הייליגן **חתם סופר** (תורת משה פ' בשלח עט:) **אז לערנען מסכת שבת איז א סגולה פאר פרנסה.** ווען דער אייבערשטער האט געגעבן פרייטאג דאפעלט מן, שטייט אין פסוק (שמות טז-כג) הוא אשר דבר ה' שבתון שבת קודש לה' מחר. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז דער מן איז געקומען צופרי, ווען דער אייבערשטער איז עוסק בתורה (עיין ע"ז ג.), און פרייטאג צופרי האט דער אייבערשטער עוסק געווען אין הלכות שבת, און ווען דער אייבערשטער כביכול איז עוסק אין הלכות שבת, ברענגט עס א שפע פון פרנסה. 'הוא אשר דיבר ה'', ווייל דער אייבערשטער האט דעמאלטס גערעדט פון 'שבתון שבת קודש', וועגן דעם איז געפאלן דאפעלט מן. און דאס איז ביי יעדן איינעם אזוי, **אז מען זיצט און מען לערנט מסכת שבת ברענגט עס א שפע אין פרנסה.**

**און** דאס לערנען בעצם ברענגט א שפע, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, **מען דארף נישט מורא האבן אז די פרנסה וועט שוואכער ווערן דורכדעם וואס מען וועט לערנען. אז מען וועט אוועקגעבן אזויפיל צייט פאר לימוד התורה, וועט דער קאפ נישט ליגן אזויפיל אין ביזנעס, נאר אין לימוד התורה, און די פרנסה וועט ווערן שוואכער. עס איז פונקט פארקערט, ווי מער מען וועט מקבל זיין אויף זיך עול תורה, וועט מען זוכה זיין אז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, מאכט דער אייבערשטער גרינגער עול מלכות ועול דרך ארץ.**

*

**איך וויל באדאנקען פאר די אלע וואס לערנען פאר, און געבן די שיעורים ברבים.** עס איז א געוואלדיגער זכות צו לערנען מיט אנדערע. זיי זאגן מיר אסאך מאל, אז זיי זעהן דארט יונגעלייט, וואס עס איז ממש ביי זיי תורה מתוך הדחק, מען קומט אויסגעמוטשעט ביינאכט, ווען מען האט שוין נישט קיין כח, און פון דעסטוועגן דאך, פרובירט מען אויפצוזיין און מען פלאגט זיך אויף די גמרא, ווייל סוף כל סוף דארף מען עס קענען צו די בחינות שפעטער, פלאגט מען זיך אויף לימוד התורה, עס איז א חלק פון תורה מתוך הדחק. **איך וויל באדאנקען ר' יודל באדאנסקי וואס ער געבט א שיעור ברבים, און די וואס ווילן מיטהאלטן דערמיט, קענען עס הערן אויפן טעלעפאן.** מען האט געגעבן די מעגליכקייט פאר יעדן איינעם, אז מען זאל קענען גרינגערהייט מיטהאלטן דערמיט.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך זיך אנהאלטן דערצו, אשרי ווער עס

נעמט אויף זיך איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, און מאכן די בחינות. צען בלאט וואס מען פארהערט אויף אמאל איז נישט אזוי סאך, אז מען זאל עס נישט קענען קענען. **אבער אפילו ווען א מענטש שפירט ביי זיך, אז ער קען נישט מיטהאלטן די בחינות, זאל ער נישט נאכלאזן פון לערנען מיטן סדר וואס מען לערנט, אפילו מען קען נישט צוקומען צו די בחינה, האט א געוואלדיגע חשיבות די צענדליגער שעות תורה וואס מען געבט אוועק און מען לערנט עס. יבא יום, עס וועט קומען א טאג וואס ער וועט אנהייבן צו נעמען בחינות. מען מוז נישט אנהייבן צו נעמען די בחינות אנהייב פון די מסכת, מען קען אנהייבן אינמיטן פון די מסכת. די וועלט זאגט, אז 'מיטן עסן קומט דער טעם'. אז מען ליגט אין תורה, קומט נאכדעם אריין דער טעם פון די תורה, אז מען זאל זיך אויך פארהערן.**

**דער** זכות פון רבי שמעון בן יוחאי וואס האט אראפגעברענגט אזויפיל תורה אויף די וועלט, וואס האט געלערנט אזויפיל תורה מתוך הדחק, איז עומדת לעד. דער זכות זאל מגין זיין אויף אונז אלע, אז מיר זאלן קענען ווייטער אויף זיין דבוק אין די תורה הק', און אויסנוצען יעדע פרייע צייט וואס מען האט פאר תורה. מיר קענען נישט זיין ווי רבי שמעון בן יוחאי וחבריו, אז מיר זאלן אינגאנצען נישט מפסיק זיין פון קיין שום זאך אויף דער וועלט פאר תורה, אבער דער לימוד מוסר השכל וואס מען דארף זיך אראפלערנען, אז ווען מען לערנט יא, און מען דארף יא מפסיק זיין, זאל מען וויסן, **אז דאס ביסל וואס א מענטש לערנט אן א הפסק, האט אסאך א גרעסערן חשיבות ווי דאס לערנען וואס מען איז מפסיק אינדערמיט.** כאטש די שעה'ן וואס מען איז קובע פאר תורה, זאל זיין אן א הפסק. אז מען זעהט אז תורה אן א הפסק, קען אוועקנעמען דער חיוב פון תפלה, ווייל רבי שמעון בן יוחאי האט קיינמאל נישט מפסיק געווען, איז אפילו מיר זענען נישט אין די מדריגה, אבער מען קען זיך אראפלערנען דערפון, וואס דאס מיינט תורה בלי הפסק, אז עס איז העכער ווי א געווענליכע תורה. - זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער זכות פון תורה זאל אונז ביישטיין, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.